# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:29
מוצאי שב"ק.....................5:57

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................דניאל ה'-ו'
בבלי.........................עירובין צ'
ירושלמי...................מגילה ל'
תוספתא...........בבא מציעא י'
רמב"ם......................שבת י"ג

פרשת וירא, כ' חשון, שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 7 (472)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת אַבְרָהָם. זָאגְט רַשִׁ"י אַז דֶער נִסָּיוֹן פוּן דִי עֲקֵדָה אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ קִטְרוּג פוּנֶעם שָׂטָן. דֶער שָׂטָן הָאט מְקַטְרֵג גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעזָאגְט, "פוּן דִי אַלֶע סְעוּדוֹת וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעמַאכְט, הָאט עֶר נִישְׁט מַקְרִיב גֶעוֶוען קַיין אֵיין קָרְבָּן פַאר דִיר", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וֶוען אִיךְ וָואלְט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל מַקְרִיב זַיין פַאר מִיר זַיין זוּן, וָואלְט עֶר עֶס אוֹיךְ גֶעטוּן".

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק ל"א; בְּרֵאשִׁית רַבָּה נ"ה, א') אַז דֶער נִסָּיוֹן פוּן עֲקֵדַת יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען דֶער לֶעצְטֶער אוּן צֶענְטֶער נִסָּיוֹן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס גֶעגֶעבְן מִיטְ'ן צִיל אִים אוֹיפְצוּהוֹיבְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל זֶען זַיין גְרוֹיסְקֵייט, אוּן אַרוֹיסְצוּאַוֵויזְן זַיין גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִים. אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס זָאגְט דָא רַשִׁ"י אַז דָאס אִיז גָאר גֶעקוּמֶען צוּלִיב אַ קִטְרוּג פוּנֶעם שָׂטָן, פַארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט דֶער קִטְרוּג צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם נִסָּיוֹן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט אִים דָאךְ גֶעקֶענְט סְתָּם אַזוֹי הֵייסְן שֶׁחְטְ'ן זַיין זוּן, אוּן מִיט דֶעם דֶערְהֵייבְּן אַבְרָהָם אָבִינוּ פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואס וֶועט זֶען וִוי עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַזַא שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן?

נָאר מֶען קֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט וִוי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (בְּכוֹרוֹת ח:) אַז דִי סָבֵי דְבֵי אַתּוּנָא הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט פוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה אַ מָאדְנֶע שְׁאֵלָה, "וֶוען אַ פֵייגְל שְׁטַארְבְּט נָאךְ אִינְ'ם אֵיי, וואוּ גֵייט אַרוֹיס זַיין רוּחַ?", הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "עֶס גֵייט אַרוֹיס אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז אַרַיין". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט עֶס אוֹיס בַּאֲרִיכוּת (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ו) אַז דִי קַשְׁיָא אִיז בַּיים וֶועלְכְן פְּלַאץ פוּנֶעם דַאוֶוענֶען דַארְף מֶען זִיךְ דָאס מֶערְסְטֶע מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אִינְזִין צוּ הָאבְן, אוּן דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז דַוְקָא אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶס קוּמֶען אַרַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, דָארְטְן דַארְף מֶען זִיךְ דִי מֶערְסְטֶע אָנְשְׁטְרֶענְגֶען יָא אִינְזִין צוּ הָאבְן דָאס דַאוֶוענֶען.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בַּיי סַיי וֶועלְכֶע זַאךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דַוְקָא בַּיי דִי זַאכְן וָואס קוּמְט אָן שְׁוֶוער פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, דַוְקָא בַּיי דִי זַאכְן וואוּ עֶר אִיז שְׁוַואךְ, דָארְטְן דַארְף עֶר פְּרוּבִּירְן דָאס מֶערְסְטֶע זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען יָא צוּ טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל.

דָאס וָוארְט "נִסָּיוֹן" מֵיינְט אוֹיךְ "אוֹיפְהוֹיבְּן", וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ ס"ב, י') "הָרִימוּ נֵס". יֶעדֶע נִסָּיוֹן אוּן שְׁוֶועריקֵייט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אוּנְטֶער פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אִיז דָאס נָאר מִיטְ'ן צִיל אִים אוֹיפְצוּהוֹיבְן. וֶוען אַ אִיד זֶעט אַז עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סְ'אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ טוּן אַ גֶעוִויסֶע מִצְוָה, סְ'אִיז אִים שְׁוֶוער זִיךְ צוּרִיקְצוּהַאלְטְן פוּן אַ גֶעוִויסֶע עֲבֵירָה, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָארְט לִיגְט בַּאהַאלְטְן זַיין הַצְלָחָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען דַוְקָא בַּיי יֶענֶע זַאךְ, עֶר וֶועט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי נִסְיוֹנוֹת, וֶועט דָאס אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְהוֹיבְּן, אִים דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים צוּבְּרֶענְגֶען צוּם תַּכְלִית פַארְוָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

מִיט דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען פַארְוָואס אֵיידֶער אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדַארְפְט אַזוֹי שְׁטַארְק דֶערְהוֹיבְן וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם נִסָּיוֹן, הָאט גֶעמוּזְט קוֹדֶם זַיין אַ קִטְרוּג פוּנֶעם שָׂטָן אוֹיף אִים, וִוי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן אוּנְז חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נ"ו, ד') אִיבֶּער דִי פִילֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס אַבְרָהָם אוּן יִצְחָק זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ דִי עֲקֵדָה, וֶוען דֶער שָׂטָן הָאט פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע סָארְט וֶועגְן זֵיי אָפְּצוּרֶעדְן פוּן צוּ גֵיין טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אַלֶעס הָאט גֶעמוּזְט פַּאסִירְן, וַוייל אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט דֶערְהוֹיבְּן מוּז עֶר קוֹדֶם דוּרְכְגֵיין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן קִטְרוּגִים.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע הִתְחַזְּקוּת פוּן יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אַז דַוְקָא וֶוען עֶר זֶעט אַז

<<<<<<

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ דוּרְכְפַאל

חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ק"כ.) אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַצְלִיחַ נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל. דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין זַיין אוּנְטֶערְנֶעמוּנְג, דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מַצְלִיחַ, וַוייל אַזוֹי לֶערְנְט עֶר זִיךְ אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וָואס עֶר זָאל יָא טוּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער. דֶער דוּרְכְפַאל בְּרֶענְגְט אִים גָאר צוּ זַיין הַצְלָחָה. דִי גְמָרָא זָאגְט אוֹיךְ (גִיטִין מ"ג.) "אֵין אָדָם עוֹמֵד עַל דִּבְרֵי תּוֹרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְשָׁל בָּהֶם" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ אִין לֶערְנֶען, נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ מֶער אָנְשְׁטְרֶענְגֶען.

דָאס זֶעט מֶען אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת. דֶער סְטָאלֶער וֶועט זִיךְ קוֹדֶם פִיל מָאל גוּט צוּהַאקְן דִי הֶענְט פוּנֶעם הַאמֶער, אֵיידֶער עֶר וֶועט זִיךְ גוּט דֶערְלֶערְנֶען דִי אַרְבֶּעט. וִוי לַאנְג עֶלֶעקְטָארִישָׁאן וֶועט זִיךְ גוּט אוֹיסְלֶערְנֶען זַיין

<<<<<<

## א גוטווארט

אַז דוּ ווִילְסְט מַצְלִיחַ זַיין זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען פַארְטָאגְס; קוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען - וֶועסְטוּ אוֹיפְלֶעבְן דֶעם שְׁטֶעטְל אוּן נָאךְ אִינְגֶעלַייט וֶועלְן זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען.

נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. טְרַאכְט אַרַיין, וָואס הָאט מֶען פוּנֶעם לֶעבְּן; דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק שְׁוֶועריקֵייט, מֶען אַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג - פַארְוָואס? פַאר וֶועם? זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן בִּיז מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער אוּן שׁוֹין. דֶעמָאלְט קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, דֶעמָאלְט זִיצְט מֶען אוּן מֶען וַוארְט אַז דִי טָאג זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן, אָנְהֵייבְּן אוּן עֶנְדִיגְן. אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז דָאס לֶעבְּן אַ לֶעבְּן; וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט מֶען נָאר יוּנְגֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער, מֶען הָאט וָואס אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אוֹיךְ אוֹיף דֶער נַאכְט זָאלְסְטוּ קוּמֶען לֶערְנֶען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רַבִּי יוֹחָנָן: "אִין וָואס פַאר אַ זְכוּת הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן חוּץ לָאָרֶץ אֲרִיכוּת יָמִים?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִקַּדְמִי וּמְחַשְׁכִי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא", וַוייל זֵיי זֶענֶען זִיךְ קוֹבֵעַ שִׁיעוּרִים אִינְדֶערְפְרִי אוּן אוֹיף דֶער נַאכְט; דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן נב): "יַקְדִּים וְיַחְשִׁיךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת", מֶען זָאל קוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, "עַל יְדֵי זֶה יַאֲרִיךְ יְמֵי בָנָיו", דוּרְכְדֶעם וֶועלְן דִי קִינְדֶער הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשפ"א)

# זיךְ שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ וֶוען מְ'שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן,
שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ בַּעֲבוֹדַת ה' מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם צִי דוּ הָאסְט אַ טַעַם אוּן אַ חֵשֶׁק, דוּ לֶערְן אוּן דַאוְוען אֲפִילוּ אָן אַ טַעַם.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי אָנְגֵייעֶנְדֶע קָארָאנֶע וֵוירוּס, זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פַּארְלוֹירְן דִי טַעַם אוּן רֵיחַ, זֵיי שְׁפִּירְן נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן שְׁמֶעקְן נִישְׁט קַיין שוּם שְׁמֶעק, דָאךְ הָאט זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן עֶסְן, יֶעדֶער וֵוייסְט אַז מֶען דַארְף עֶסְן, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן אָן עֶסְן, אַוַודַאי וִויל מֶען שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי עֶסְן, אָבֶּער דָאס נִישְׁט שְׁפִּירְן אַ טַעַם הַאלְט נִישְׁט אָפּ וְכוּ'.

אַזוֹי אִיז מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען, מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען דַארְף דַאוְונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג; אַוַודַאי וִויל יֶעדֶער שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶערְנֶען, אַ טַעַם אִין דַאוְונֶען, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף אַ טַעַם, מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדְן פַאל.

שְׁטַארְק זִיךְ; גֶעדֶענְק וָואס דִי בַּת מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן שֵׁנִי לַמַּלְכוּת (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א): "דוּ קֶענְסְט מִיר נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, נָאר אַז דוּ וֶועסְט אַ גַאנְץ יָאר, וֶוען דוּ הָאסְט נָאר צַייט, זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן אוּן הָאפְן מִיר אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען".

זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע רְצוֹנוֹת, דַיין ווִילְן, דַיין בֶּענְקְשַׁאפְט, וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תשפ"א)

>>>>>>

ס'קוּמְט אִים אָן אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל מַחְשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, דֶער שָׂטָן פַּארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף פוּן אַלֶע זַייטְן, דַארְף עֶר גוּט גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, נָאר פַּארְקֶערְט, עֶר זָאל דָאס נֶעמֶען פַאר אַן הִתְחַזְּקוּת אַז יֶעצְט אִיז זַיין צַייט דֶערְהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן, יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט מַצְלִיחַ צוּ זַיין, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט נָאכְלָאזְן, נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף, דַאן וֶועלְן אַלֶע מְנִיעוֹת וֶועלְן זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן אוּן עֶר גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין,

(תּוֹךְ הַנַּחַל וַיֵּרָא תשס"ט)

>>>>>>

פַאךְ, וֶועט עֶר אוֹיפְ'ן וֶועג נָאךְ כַאפְּן שְׁטַארְקֶע עֶלֶעקְטְרִיק-שַׁאקְס. אוּן אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן זֵייעֶר דוּרְכְפַאל אוּן הוֹיבְּן דִי הֶענְט, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין. אוֹיבּ אָבֶּער וֶועלְן זֵיי נוּצְן דֶעם דוּרְכְפַאל אַלְס אַ לֶעקְצִיֶע צוּ וִויסְן פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וֶועט דָאס זַיין דֶער סוֹד פוּן זֵייעֶר הַצְלָחָה.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת. וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין זַיין עֲבוֹדַת ה', דַאן טָאר עֶר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ דוּרְכְפַאל. נָאר פַּארְקֶערְט, עֶר זָאל נוּצְן דֶעם דוּרְכְפַאל זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דֶערְפוּן פַאר שְׁפֶּעטֶער, אוּן עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם הוֹיבְּט זִיךְ נָאר אָן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. מֶען הַאלְט אִין אֵיין הַאלְטְן קָאפּ וָואס דֶער צְוֵוייטֶער וֶועט זָאגְן צוּ מִיר. אוּן דַאן, וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטְרוֹיכְלוּנְג, וֶוערְט מֶען גְלַייךְ צוּקְלַאפְּט "אוֹי וֵויי, יֶעצְט וֶועט יֶעדֶער זֶען אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְט". אַ פַּארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָבֶּער נִישְׁט קוּקְן דֶערוֹיף. עֶר וֶועט פַּארְשְׁטֵיין אוּן וִויסְן אַז דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע קוּקְן אָדֶער קְרוּמֶען אוֹיף אִים, וֶועלְן אִים גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן. אוּן אוֹיבּ וִויל עֶר מַצְלִיחַ זַיין דַארְף עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּקְרַאצְן פוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוּן זָאגְן אוֹיף אִים. נָאר נוּצְן זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוֹיף זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקַייט בִּיז עֶר וֶועט סוֹף כָּל סוֹף מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְ'ן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט') אַז דֶער חָכָם הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעקוּקְט וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק גֶעקוּקְט צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען לַאכְט נִישְׁט פוּן אִים, אוּן כָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלוּג, אִיז עֶר צוּם סוֹף אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ טִיפֶע גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע. ווִידֶער דֶער תָּם אִיז טַאקֶע נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט דִי מַעֲלָה אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. פַארְוָואס זָאל אִיךְ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם?", אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר טַאקֶע גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן.

## אַ הִילְף צוּ גֵיין

מִיר זֶעעֶן בְּגַשְׁמִיּוּת אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אוּן צוּקְלַאפְּט זִיךְ, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן, דַאן וֶועט עֶר זוּכְן אוּן בֶּעטְן הִילְף פוּן אַ צְוֵוייטְן וָואס זָאל אִים גֶעבְּן אַ הַאנְט אוּן אִים הֶעלְפְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

בְּרוּחֲנִיּוּת אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְהוֹיבְּן, עֶר זֶעט אַז עֶר פַאלְט אוּן פַאלְט, דַארְף עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס זָאל אִים קֶענֶען גֶעבְּן אַ הַאנְט אַז עֶר זָאל קֶענֶען שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִיס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ט"ז) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז מְקוּשָּׁר צוּ אַ צַדִּיק, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן. דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן קֵיינְמָאל. מֶען דַארְף נָאר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן צַדִּיק וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, אוּן נִישְׁט זִיךְ לָאזְן נַארְן אוּן גֵיין צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן דֶעם רִיכְטִיגְן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס קֶען אִים טַאקֶע הֶעלְפְן. אַ אִיד אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ אַז עֶר אִיז לַיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר זוּכְט אַ וֶועג אַרוֹיס, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען דָאס פַּארֶעכְטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

זַיין רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אִים קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז גָאר שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִים צוּ הֶעלְפְן, נָאר עֶר וָואלְט אִים גֶע'עֵצָה'ט אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן "חֲזוֹן אִישׁ", נָאר עֶר וֶועט אִים קֶענֶען הֶעלְפְן. דֶער אִיד אִיז דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֵצָה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז נָאר דָאס זָאל עֶר נִישְׁט הֵייסְן, וַוייל דָאס וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיז אִים אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן מַמָּשׁ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ גֵיין צוּם חֲזוֹן אִישׁ צוּ בֶּעטְן אַ תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אִים. בְּלֵית בְּרֵירָה הָאט דֶער אִיד מִיט אַ צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ גֶעמוּזְט מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר זַיין רֶבִּי'ן אַז עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט.

וֶוען דֶער אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם חֲזוֹן אִישׁ אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אֲפִילוּ אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט.

דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל פוּן הַיינְט אָן פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פִירְן נָאר עֶרְלִיךְ אוּן גֵיין נָאר אוֹיף גוּטֶע וֶועגְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָה בְּרוּרָה".

דֶער אִיד אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן. עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעדַאנְקְט פַארְ'ן שִׁיקְן צוּם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואס דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים מִיטְ'ן מִשְׁנָה בְּרוּרָה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַקְפִּיד צוּ זַיין אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין וִוי מֶען דַארְף, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ, דַארְף נָאר גֶענוּצְט פַארְ'ן צְוֶועק זִיךְ אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער, אוּן נִישְׁט אוֹיף פַּארְקֶערְט ח"ו, צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אַלֶעס אוֹיפְגֶעבְּן. אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען דָאס נִישְׁט אַלֵיין בַּאוַוייזְן, דַאן דַארְף מֶען זוּכְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִּיק וָואס זָאל לֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן. וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט עֶר זִיכֶער שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ נְפִילָה, וְחֵלֶק ד' עֶרֶךְ כִּשָּׁלוֹן וְעֶרֶךְ צַדִּיק)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (פב)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּין אִין שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע.**

**שמג**

וֶוען דֶער מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע הָאט גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אִין זְלַאטִיפָּאלֶע, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס הָאט אִיר מִיר נִישְׁט גֶעשִׁיקְט פָארְאוֹיס קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע, אִיךְ וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט דִי אָרְטִיגֶע נְגִידִים אוּן דַאן וָואלְטְן זֵיי אַייךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען דָארְט אִין שְׁטָאט מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד וִוי עֶס פַּאסְט?".

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט וַוארְטְן, וָואלְט אִיךְ אַרַיין אִין זְלַאטִיפָּאלֶע מִיט אַ פְּרַאכְטְפוּלֶער קַארֶעטֶע מִיט גָאר גְרוֹיס כָּבוֹד, אִיךְ הָאבּ אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוארְטְן, וַוייל פוּן הִימְל הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט שׁוֹין דָארְט אַרַיינְגֵיין".

**שמד**

טְרָאץ דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, זֶענֶען דֶעמָאלְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אַ שְׁטֵייגֶער וִוי ר' יִצְחָק אַייזִיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט שְׁטַארְק פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען וואוּ עֶר הָאט גֶעזֶען אַז סְ'שְׁטֵייעֶן אַסַאךְ גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן אוּן שְׁטוּפְּן זִיךְ צוּ הֶערְן תּוֹרָה, אוּן מְ'הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם, "זָאג דוּ תּוֹרָה פַאר אוּנְז", אוּן יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אוּן דִי תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז דָאךְ אַ מֵבִין אוֹיף תּוֹרָה, דַאכְט זִיךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהֶערְט אַזַא תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט מֶען אִים גֶעוִויזְן וֶוער דָאס אִיז, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט נָאךְ אִים, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן אַז דִי נְשָׁמָה זָאל מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אִים.

דִי נְשָׁמָה אִיז גֶעוֶוען פוּן ר' יִצְחָק אַייזִיק, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאנְדְלְט מִיט גֶעשֶׁעפְטְן אַלְס אַ וֶועקְסְלֶער, אוֹיפְצוּטוֹישְׁן גֶעלְטֶער. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי אִים זֵייעֶר אוֹיפְגֶעפְלַאמְט דָאס הַארְץ צוּם דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַמָשׁ וִוי אַ פְלַאם פֵייעֶר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעגֶעבְּן סְפֶּעצִיעֶלֶע הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ פִירְן לוֹיט זַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה.

אֵיינְס פוּן דִי הַנְהָגוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר אִים דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מְקַיֵים צוּ זַיין, אִיז גֶעוֶוען אַז פַאר אַ גַאנְצֶע יָאר זָאל עֶר נִישְׁט רֶעדְן מִיט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ קַיין אֵיין וָוארְט, אוֹיסֶער מִיטְ'ן מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע.

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ אַז כְ'הָאבּ אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דִי מָאוִויס

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, עֶס רַאטֶעוֶועט מִיר מַמָשׁ דָאס לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה אַז דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין מִיר, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אֵיינֶעם מָאוִויס וָואס אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תְּקוּפָה וָואס אִיךְ בִּין מַמָשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען מִיר אַלֵיין, דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט מַמָשׁ גֶעהֶערְשְׁט אוֹיף מִיר.

בָּרוּךְ ה' אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר לִיבּ אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן אַזוֹי אַרוּם נָאכְ'ן וֵויינֶען אוּן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער בִּין אִיךְ צוּגֶעקוּמֶען צוּ קֶענֶען אָפְּהַאקְן קֶשֶׁר מִיט דִי וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי מָאוִויס, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַלֶעס אוֹיסְצוּמֶעקְן.

אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער אַז אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, סְ'אִיז נִישְׁט חָלִילָה אַז אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה פַארְ'ן עֶס אוֹיסְמֶעקְן, אִיךְ בִּין אָבֶער פָארְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאלְן קֶענֶען שְׁפִּירְן אִינְגַאנְצְן פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט דֶעם אַז אִיךְ הָאבּ דָא מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער?

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו. בְּרוּכָה אַתְּ לַה', גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְט אִיר זַיין אַז אִיר הָאט אוֹיסְגֶעמֶעקְט דִי מָאוִוי"ס, אִיר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי טוּמְאָה.

אִיר דַארְפְט בֶּענְטְשְׁן גוֹמֵל פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ אַז אִיר זֶענְט אַרוֹיס פוּן דִי טוּמְאָה; אִיר וֶועט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, בְּרֶענְגֶען עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז מָאוִוי"ס אִיז זֵייעֶר אַ שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ, עֶס הַרְגְ'עט יֶעדֶע גוּטֶע חֵלֶק פוּנֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס לֶעבְּן בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחְנִיוּת; אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס הַרְגְ'עט דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ - טוּט עֶס אוֹיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם פָּשׁוּטְ'ן גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע לֶעבְּן, מֶען וֶוערְט דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט.

וֶוען אִיר זָאלְט וֶוען וִויסְן וִוי שֶׁעדְלִיךְ מָאוִוי"ס אִיז פַארְ'ן לֶעבְּן, וָואלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן דִי כֹּחַ אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם; אִיר זֶענְט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אִיר זֶענְט אַרוֹיס פוּן דִי קְלִיפּוֹת אוּן צוּרִיק גֶעוָוארְן אַ מֶענְטְשׁ.

מֶען לֵיינְט אִין דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען מַעֲשִׂיוֹת וִוי דִי קְלִיפּוֹת, דִי נִישְׁט גוּטֶע - הָאבְּן פַארְכַאפְּט אַ מֵיידְל, בִּיז אַ צַדִיק אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי מֵיידְל פוּן דִי קְלִיפּוֹת, פוּן דִי שֵׁדִים, פוּנֶעם גַלַח; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא דִי סָארְט מַעֲשִׂיוֹת, מֶען הֶערְט שׁוֹין נִישְׁט וִוי אַ מֵיידְל אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת גֵייעֶן נָאךְ הַיינְט אָן, דִי קְלִיפּוֹת אַרְבֶּעטְן הַיינְט נָאךְ מֶער וִוי אַמָאל, מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְכַאפְּט טָאג טֶעגְלִיךְ בַּיי דִי קְלִיפּוֹת, מֶען בַּאקוּמְט מָאוִוי"ס פוּן חֲבֵרִים אוּן חַבְרְ'טֶעס, מֶען הֵייבְּט אָן קוּקְן הַאלְבְּוֶועגְס בִּיז מֶען וֶוערְט פַארְכַאפְּט אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיס מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם לָאזְט מֶען אָפּ שַׁבָּת, מֶען הֵייבְּט אָן מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין וַוייל דִי מָאוִוי"ס צִיט גָאר שְׁטַארְק מִיט אַ מַאגְנֶעטִישֶׁע קְרַאפְט, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין הֲנָאָה סְתַּם צוּ זִיצְן בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, מֶען לוֹיפְט אַרוֹיס, מֶען בַּאהַאלְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט מָאוִוי"ס; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה פַארְבְּרֶענְגְט, מֶען הָאט אַ גוּטֶע צַייט אִינְאֵיינֶעם, שְׁפִּירְט מֶען וִוי מֶען וִויל שׁוֹין אַוֶועק גֵיין, מֶען וִויל שׁוֹין צוּרִיק גֵיין קוּקְן דִי דִמְיוֹנוֹת.

דָאס אִיז פַאר מֶען הָאט חֲתוּנָה, נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז נָאךְ פִיל מֶער בִּיטֶער; מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מַאן אוּן וַוייבּ, מֶען שְׁפִּירְט אַלְץ וִוי מֶען וִויל שׁוֹין אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי מַצָב אוּן צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דִי מָאוִוי"ס, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס קוּמֶען קִינְדֶער הָאט מֶען נִישְׁט קַיין אֵיין טְרָאפּ נֶערְוְון אוּן גֶעדוּלְד צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער, צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ וִויל אַייךְ פְרֶעגְן, וָואס טוּט אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט בַּאפְרֵייט פוּן תְּפִיסָה? אֵיין זַאךְ, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יְיַשֵׁר כֹּחַ אַז דוּ הָאסְט מִיר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן תְּפִיסָה", קֵיינֶער בֶּענְקְט נִישְׁט צוּרִיק צוּ גֵיין אִין תְּפִיסָה; דָאס זָאלְט אִיר טוּן טָאג אוּן נַאכְט, נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן זָאגְן דֶעם פָּסוּק פוּן הַלֵל (תְּהִלִּים קיג, ז): "מְקִימִי מֵעָפָר דָל, מֵאַשְׁפֹּת יָרִים אֶבְיוֹן, יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאסְט מִיר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן גַארְבֶּעדְזְשׁ, פוּן דִי מִיסְט; אִיךְ בִּין גֶעלֶעגְן נֶעבֶּעךְ אִין מִיסְט אוּן יֶעצְט שְׁפִּיר אִיךְ וִוי אִיךְ בִּין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִיר, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ נָאנְט צוּ דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשפ"א)




**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים,**
**קען מען ליינען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3**

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

דֶערְנָאךְ אִיז ר׳ יִצְחָק אַייזִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן, אוּן גְלַייךְ בַּיים אָנְקוּמֶען אַהֵיים הָאט עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי וֶועלְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים בַּאפוֹילְן, אוּן פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט הָאט זַיינֶע לִיפְּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט שָׁאקְלֶען מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

עֶס הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיף אִים גְרוֹיסֶע קְרִיגֶערַייעֶן אוּן רְדִיפוֹת פוּן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, סְפֶּעצִיעֶל פוּן זַיין שְׁוֶוער אוּן זַיין וַוייבּ. זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט רוֹדְפְ׳ן אוּן שְׁטֶעכְן אַז עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע שְׁטֶעךְ וֶוערְטֶער כְּסֵדֶר.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ דִי בִּיטֶערְנִישְׁן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ פוּן דִי פִילֶע טְשֶׁעפֶּערַייעֶן, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דֶעם, הָאט דֶער רֶבִּי גְלַייךְ גֶערוּפְן אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן אִים גֶעהֵייסְן עֶר זָאל שׁוֹין דִינְגֶען פַאר אִים אַ וָואגְן צוּ פָארְן קַיין טִירְהָאוִויצֶע. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט טַאקֶע גְלַייךְ גֶעשַׁאפְט אַ וָואגְן, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַהִינְגֶעפָארְן, אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט בַּיינַאכְט, אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִיטְ׳ן וָואגְן בַּיים הוֹיז פוּנֶעם שְׁוֶוער פוּן ר׳ יִצְחָק אַייזִיק, וָואס עֶר הָאט אוֹיךְ דָארְט גֶעווֹאוֹינְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אִין הוֹיז, אוּן וֶוען דֶער שְׁוֶוער הָאט גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי׳ן אַרַיינְקוּמֶען, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעווֹאוּנְדֶערְט פַארְוָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים. ר׳ יִצְחָק אַייזִיק אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אִין זַיין צִימֶער אוּן הָאט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת אוּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט אוּן דֶערְפַאר נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין צוּ אִים, כְּדֵי אִים נִישְׁט צוּ שְׁטֶערְן אִינְמִיטְן קְרִיאַת שְׁמַע, אָבֶער דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְהַאלְטְן דֶעם שְׁוֶוער פַארְוָואס עֶר טְשֶׁעפֶּעט אַזוֹיפִיל זַיין אֵיידֶעם, פַארְוָואס עֶר מַאכְט אִים אַזוֹיפִיל יִסוּרִים.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "וֶוען דוּ לֵייגְסְט תְּפִלִּין אִינְדֶערְפְרִי אוּן דוּ שְׁטֶעלְסְט זִיךְ דַאוֶוענֶען, אוּן עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ גוֹי וָואס הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אַזַא זַאךְ, אוּן עֶר זֶעט וִוי דוּ דְרֵייסְט אַרוּיף אוֹיף דַיין הַאנְט הוֹיט פוּן אַ בְּהֵמָה, אוּן דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן קַיין אֵיין וָוארְט צוּ אִים, וָואלְט עֶר וֶוען נִישְׁט גֶעזָאגְט אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע ? !"

דֶער רֶבִּי הָאט מִיט דֶעם אִים גֶעוָואלְט אוֹיפְקְלֶערְן אַז עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע וִוי דֶעם נַארִישְׁן גוֹי, וֶוען עֶר זָאגְט אוֹיף זַיין אֵיידֶעם אַז עֶר אִיז מְשׁוּגָע, אִין דִי צַייט וָואס עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין וֶועג אַזוֹי וִוי עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין רֶבִּי׳ן.

אוּן אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער גֶערֶעדְט מִיט אִים אִיבֶּער דֶעם וָואס עֶר טְשֶׁעפֶּעט אַזוֹיפִיל זַיין אֵיידֶעם, בִּיז וֶוען דֶער שְׁוֶוער הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעהַאנְדְלְט מִיט זַיין אֵיידֶעם, אוּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַז עֶר וֶועט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּן.

וֶוען ר׳ יִצְחָק אַייזִיק הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אִים, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְפוּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים מַמָּשׁ מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען.

דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט דָארְט בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ, אוּן אִינְדֶערְפְרִי אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעפָארְן. אוּן פוּן דֶעמָאלְט אוּן וַוייטֶער הָאט ר׳ יִצְחָק אַייזִיק גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין וֶועג אָן קַיין שְׁטֶער, אוּן אִיז גֶעוֶוען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת׳עֶ דְבֵיקוּת.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## נייע בית הדפוס ווערט געבויט

## בעזר ה׳ מיט א שטארקע שנעלקייט

מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די פרייליכע בשורה איבערן נייעם געביידע וואס ווערט יעצט געבויט אין קרית ברסלב ליבערטי פאר׳ן געברויך פונעם בארימטן "בית הדפוס היכל הקודש", וואס וועט מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף קענען ענטהאלטן אלע מאשינען און צוגעהערן צו ערמעגליכן אויסצובררייטערן און שטארק פארבעסערן דעם בית הדפוס, פון וואו עס ווערן בעזר ה׳ געדרוקט און פארשפרייט טויזנטער ספרים, קונטרסים און גליונות, מיט וואס אידן איבער די גאנצע וועלט זענען זיך מחיה, און שעפן חיות דערפון יעדן טאג.

דער בית הדפוס איז אריגינעל אויפגעשטעלט געווארן אין וויליאמסבורג אין בנין פון די הייליגע מוסדות פאר צען יאר צוריק, און איז כסדר פארברייטערט געווארן מיט פילע קאסטבארע און פארגעשניטענע מאשינען, פרובירנדיג נאכצוקומען דעם מאסיוון געברויך.

און געלויבט ה׳ יתברך, אזוי ווי די מוסדות און אזוי אויך דער בית הדפוס האבן זיך שטארק פארברייטערט, איז נישט מעגליך געווען אנצוהאלטן דעם בית הדפוס אינעם בנין המוסדות, סיי צוליב וואס דער בית הדפוס איז שוין געווען אויסגעוואקסן דאס פלאץ, און אזוי אויך אז די תלמוד תורה האט געמוזט אויסנוצן יעדע אינטש אינעם בנין.

דערפאר איז דער ראש ישיבה שליט"א אריינגעשפרינגען אינעם פרישן פראיעקט מיט עטליכע וואכן צוריק אויפצובויען א ריזיגן בנין צוגעפאסט צום געברויך פונעם בית הדפוס, וואס מ׳האט זיך שוין גענומען בויען מיט גרויס אימפעט אינעם שטעטל, און די ארבעט רוקט זיך ממש טאג טעגליך מיט גרויסע טריט.

אינעם נייעם בנין וועט מען זיך בעז"ה קענען אויסברייטערן און פארבעסערן די הייליגע ארבעט פון דרוקן און פארשפרייטן די הייליגע ספרים, און בעז"ה מיט דעם קענען נאנט ברענגען פילע אידן צו אייבערשטן, דורך די חיזוק און עצות פון הייליגן רבי׳ן.

כדי צו קענען פינאנצירן דעם גרויסן פראיעקט, האט דער בית הדפוס אונטערגענומען א קאמפיין צו פארקויפן זכותים אינעם נייעם בנין. בפרט איז יעצט דא די זעלטענע געלעגנהייט, אפצוקויפן דעם נאמען פונעם בנין, וואס וועט זיין א גרויסע זכות פאר׳ן נדבן לעד ולנצח נצחים, וואס אין זיין זכות וועט דער בית הדפוס קענען ווייטער אנגיין מיט די הייליגע ארבעט.

ווי אויך קען מען קויפן פארשידענע קלענערע זכותים אינעם בנין, וואס איז א געוואלדיגע זכות הרבים לדורות. אבני היסוד פאר $10,000, אבני זהב $5,000, אבני כסף $1,000, אבני נחושת $500. און זייערע נעמען וועלן ווערן אויסגעקריצט אינעם בנין פונעם בית הדפוס.

צו קויפן זכותים אינעם נייעם בנין, קען מען רופן אויף 718-387-2691 עקסטענשאן 1, אדער שיקט אן אימעיל צו donate@kerenhadfusa.org.

**חכם לב יקח מצות!**

***

## שבת התוועדות פאר תלמידות "בית פיגא" ברסלב

אין עטליכע וואכן ארום וועט אי"ה פארקומען צום ערשטן מאל א שבת התוועדות פאר אלע תלמידות "בית פיגא" ברסלב פון איבעראל, וואס וועלן זיך צוזאמקומען אינאיינעם אויף א שיינעם שבת, און זיך צוזאמען מחזק זיין מיט די עצות פון הייליגן רבי׳ן, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז.

דער שבת וועט אי"ה ווערן אנגעפירט דורך די חשובע מנהלת מרת לעזער תחי׳, וואס איז ברייט באקאנט מיט אירע איבערגעגעבנקייט צו יעדע תלמידה באזונדער, און עס אנטשפרעכט צו זיין גאר א שיינער געשמאקער שבת פון וואס די מיידלעך וועלן זייער שטארק הנאה האבן.

**השבת נועם הנשמות!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל לאנדא** הי"ו, ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

הפצת הגליון נתנדב ע"י החתנים
החתן **שמעון איינהארן** הי"ו
החתן **יעקב איידליס** הי"ו
לכבוד זייער חתונה די קומענדיגע וואך בשעטו"מ

## היכל נגינה

**ווארעמע הארציגע ניגונים, לעבעדיגע פרייליכע ניגונים, אינהאלטסרייכע גראמען, נוסח, און נאך:**
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 5**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**